10 צו אונז אָבער האָט ג־ט עס אַנטפּלעקט דורך זיין
גייסט; וואָרום דער גייסט פאָרשט אַלץ אויס, אַפילו
11 די טיפענישן פון ג־ט. וואָרום ווער צווישן מענטשן
ווייסט וואָס (עס טוט זיך) אין אַ מענטשן, אויב נישט
דעם מענטשנס גייסט אין אים? אויך אַזוי ווייסט
קיינער נישט וואָס עס איז אין ג־ט, אַ חוץ ג־טס
12 גייסט. און מיר האָבן נישט באַקומען דעם גייסט
פון דער וועלט, נאָר דעם גייסט, וואָס איז פון ג־ט;
כדי מיר זאָלן וויסן, וואָס עס איז אונז געשענקט
13 געוואָרן פון ג־ט. דערפון רעדן מיר אויך מיט
ווערטער, וועלכע נישט מענטשלעכע חכמה לערנט,
נאָר וועלכע דער רוח הקודש לערנט; פאַרגלייכ־
14 נדיק רוחניותדיקע זאַכן מיט רוחניותדיקע. דער
נאַטירלעכער מענטש אָבער נעמט נישט אָן דאָס
(וואָס קומט) פון ג־טס גייסט; ווייל עס איז אַ נאַריש־
קייט פאַר אים; און ער קען עס (גאָר) נישט פאַר־
שטיין ווייל עס מוז געמשפּט ווערן אויף אַ
15 רוחניותדיקן אופן. דער רוחניותדיקער (מענטש)—
(איש הרוח)—אָבער משפּט אַלץ, און ווערט אַליין
16 פון קיינעם נישט געמשפּט. וואָרום ווער האָט
געקענט דעם גייסט פון דעם האַר (ג־ט), אַז ער
זאָל אים (עפּעס) לערנען? מיר אָבער האָבן דעם
גייסט פונם משיח. (ישעיהו מ, יג.)

## קאַפּיטל דריי

1 און איך, ברידער, האָב נישט געקענט רעדן צו
אייך ווי צו רוחניותדיקע (מענטשן) נאָר ווי צו
פליישלעכע, ווי צו זייגעדיקע קינדער אין משיח.
2 מילך האָב איך אייך געגעבן צו טרינקען, נישט
קיין מאכל; וואָרום איר האָט עס נישט געקענט